


# לידער

פֿון

## יחיאל פּײַנער

30005

יחיאל פיינער

# צוויי און צוואנציק

— לידער —

הויפּטפאַרקויף „קולטור־ליגע" ווארשע

תרצ״א — 1931

31V 5304

חילע געצייכנט פון
קינסטלער יצחק ברוינער

צענטראַלער ביכער-לאַגער
„קולטור-ליגע" וואַרשאַ
לעשנאָ 40 װ. 11

H 91

צווייאונצוואַנציק לידער;
צווייאונצוואַנציק יאָרן
אַ שטראַל אין טונקל-מידער
האָט שטום אַ קבר געגראָבן

— — — — — — — — — — —

צווייאונצוואַנציק לידער;
צווייאונצוואַנציק יאָרן.

# אַריינטיר

יעדער דיכטער איז אַ שליח־צבור אויפֿן הייליקן באַרג פֿון שירה. ער איז דאָס אייביקע גראָטעסקע־געשטאַלט פֿון זיין סביבה, די אין הייכן אַרויפֿגעשאָסענע און אין לופֿטן עקספּלאָזירטע ראַקעטע פֿון דער אָדער יענער אומגעבונג; פֿון דעם אָדער יענעם שבט. ער איז אַ געבורט פֿון אויפֿגעפּלאַצטע רעזערוון פֿון שטראָמיק־צעכוואַליעטע ענערגיע, אַ נולד פֿון דורות גאַנצע, אָנגעזאַמלטע, דערשטיקטע קלאַנגען, אַקאָרדן. און אָן אָנגעזאַפּטער מיט די אַלע געהיימע כוחות, מעכטיקע יצירות, איינגעשאַפֿטן, נשמה־ניואַנסן, כאַראַקטער־שטריכן פֿון זיין פֿאָלק — קומט דער דיכטער; אַ געזאַלבטער אינעם היכל פֿון קונסט טוען זיין דיכטערישער עבודה.

און שפּייט אויס דער דיכטער זיין ליד ווי אַ פֿלאַם־פֿייערדיק שטיק בלוט, ווייסן מיר ווער ס'האָט די זאָמען פֿון שירה אין זיין מוטער־לייב אָנגעגליס. אויב ברענען אינעם דיכטערס אויגן צוויי מנורות, ווייסן מיר ווער סהאָט די פֿלאַמען דאָרט אין זיי אָנגעצינדן. ווייל נישטאָ אויפֿן פּאַרנאַס אָן אָרט פֿאַר צופֿעליקע באַזוכער, יחידים, אונדיווידועלע־גייסטער.

אַן הערלעכע-מאָזאַ־יק, אַגעמיש פֿון פֿאַרבן שטעלט מיט זיך פֿאָר דער פֿאַרנאַב, יעדער מעטוף אין זײַן טלית פֿון אַ באַזונדער קאָליר. פּשיקאָווסקי פֿאַרגײט אין מתוקותדיקער מאַרגן-רויט-געזאַנג, און מיקעל אַנדזשעלאָ אין טיפֿער בין-השמשות-מעלאַנכאָליע.

אַזוי איז זי שוין די טויזנט-סטרונעסדיקער כּלי-ניגון-דיכטונג. אײנער חלומט בײַ איר חענן חײס-שנייאַיקע לבנה-נעכט, גלעזערנע-פּאַלאַצין און אויסגעטרויפּטע בת-מלכּהס. און אײנער פֿליסטערט בלחש זאַגנדיק ו בני היכלא דכסיפֿין... פֿון פֿאַרבענקטע שבת-קודש אויסגאַנגן. זיס-עלעגישער, חײך-פּאַמעשער-ג-ט פֿון אַברהם...

מאַנכע זיצן צעווײנטיקטע, איוב-צעקרעציקטע צװישן יאָדערדיקע-הרוגים אויף פֿאַרבלוטיקטע פֿעלדער קיניגן אויף דור-הפּלגה-טראָגען פֿון קופּעס-אבֿרים, אָפּגעריסענע שטיקער-פֿלײשן פֿון דינאַמיט צעריסענע, און גרוילן בבֿסתרים. לעסטערן מיט פֿאַדאַרבנדיקן שוים אויף תּליון-ליפּן. בלוטיקן-אויס עהאַנגאַליומס פֿאַר אײראָפּאַס אַנטנײסטיקן דור, און באַגלײטן די טויטע מיט נאַקעטע לידער דורך טויערן פֿון מ"ט שערי טומאה און חאַלב-ציגל, אומקרײז-מיסטעריעס, זײ צימבלען אויף באַראַבאַנקעס פֿון נאַכטישע-אָרגיעס אַשהאַרצן

טויטן - טאַנץ — די אײביקע װאַקכאַנאַליע פון נשמות - ערטילאות שקואַלטירט אויפן הינטערגרונט פון שװינדזיכטיקע לבנה - נאַכט — — — — —

מאַנכע װידער, יאָגן זיך װילד אויפן װעלטישן הפקר - שאַסײ, טרונקן מיט מדברשע דורשטקײט די פּלאַמיקע - שקיעות פון אַלע װעלט. טײלן, און לויפן װילד אין שטורימדיקע בהלה מיט אויגן צעבליצטע װי צעפלאַקערטע שנעון - רובינען, און זיפן און פאַרכלינען זיך אין קאָזאַקישע - הנאה מיט די רויט - אָפּגעצינדענע בראַנדן, און זינגען דאָס ליד פון צעשװידערונג.

פאַרשײדן זענען די טענער פון דער צענערטװיזנטסטרונעסדיקער = פידל, און אויסטערליש - טיף און פאַרבאָרגן זײַנען די אײַנגעבנג - און - אויסגעבנג, װעגן - און - אומװעגן פונם לאַבירינטישן טעמפּל װאָס הײסט:

— ד י פ ט ו נ ג.

װײַל יעדער פאָלק איז טויזנטערלײ קאָלירן - סאַרביק און מיט אַלע אירע תחש - װאַנדלונגען איז זי פאַרטראָטן אינם טעמפּל פון קונסט דורך איר געזאַלבטן — דער דיכטער, װעלכער איז דאָס אָפּשפּיגלונג פון זײַן פאָלק און איר עפּאָכע - קאָלאָרים.

בײַם מזבח=שטענדער זינגט יעדער כהן = דיכטער אויס די לײַדן און טרױמונגען פון זײַן צבור. מעג זײַן

אין חילדער עקזאלטאציע אָדער שלוהדיקער ליבן = געשמײכל, נים קא חילוק אויף תּאַפּארע אויבן, פּטיל און פאָרם, מעג זײַן דיכטער = פוטיריסט, דיכטער = אימאַזשיניסט. סהאָט א פאָלק איר פורעם = גלאַק צעטרײסלט און סצעפליסן כוואליענדיקע טענער, אויפגײענדיקע שירה, אויף בריטן און המכן, סציגדן זיך הערצער, נשמות צעפלאַקערן אין שטורימדיקע עמאָצ׳עס. א פאָלק שטײגט = אויף אויף שטאַפלען פון דערהויבונג דורכן צויבער = שטעקעלע פונם ניגון מכשף... דער קונסטלער.

# התנצלות

עך, טונקל־צעפּליטערטע, נאַכט־ווייאיקע און שוימיק־עקזאַלטירטע לידער מיינע, וויזיעס מיינע, קומט אַהער, ווייל מיין צעשויבערטן קאָפּ אַראָפּלייגן אויף אייערע קניען און דאָרט אַ לעצטע טרער לאָזן.

אָ, שוואַרץ־דעמערדיקע געבורטן מיינע! — ווי קרוינען האָט שפּיגלען זייער פּראַכט אַנטקעגן בלאַסק פון מזרח־אויפגייענדיקער זון — האָט איר דאָך געקאָנט מיט פרײדיקן צאַפּל ליכטן.

ווי פּערלען ווין־טראָפּן האָט גלאַנצן רעגן־בויגיק אויף ראַנד פון שוימיקן מלך־בעכער — האָט איר דאָך געקאָנט פרייכן מיט איבערזעטיקייט.

ווי ווילדע אָרכידעען, כשוף־כריזאַנטעמען, בשמימדיקע־אַנעמאָנעס, מאַגנאָליע־בלומען און טל־טראָפּן גליווער־צאַפּלדיקע אויפן רויזן — אַזוי האָט איר דאָך געקאָנט פאַרדופטן מיט שנור־ריחות

איצט אָבער, פאַרוואָס זענט איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרויסגעשפּיגענע שטיקער בלוט פון מײַן האַרצן? אין קנוילן־צער, אין צעקאָרטשעטע ווייטיקן! פאַרוואָס זענט איר עדות פון נעכט מײַנע אין אומעט בלויז פאַרבראַכטע, פון זופצן דערשטיקטע פון קיינעם נישט דערהערטע, פון באַהאַלטענע טרערן, הייסע און שנעל־אויסגעווישטע, פון מײַנע שלוכצן אין באַהעלטעניש פון נאַכט און מסתּרימקייט פון וועלט?

אָ, לידער! — געבוירן פון מײַן ווײ און צאָרן. פאַרוואָס זענט איר מיר ווי אַ קרוין פון פאַרטונקלטע זונען געוואָרן? ווי אַ קראַנץ פון פאַרוועלקטע בלומען אַרום מײַן קאָפּ. פאַרוואָס האָט איר מיך אַרומגעהילט מיט פינצטערע שלייערן פון גראָען בין־השמשות?

אָ, שלײַכנדיקע סילועטן אין נאַכטישער עקזאַלטאַציע; — פאַרוואָס שוועבט איר שפּאַסיק אויף צעבלאָטע פענצטער פון דרויסנדיקער נאַכט און מאָלט בית־עלמין בילדער אין דמיון מײַנעם?

איך בין פאַרגאַנגען אין שטאַרבנדיקער בענקעניש נאָך אייך. מײַן יוגנט פאַרשוווּנדעט אין נאָגנדיקער שווײַגעניש. מײַן פרילינג צעקרעפּלט אין טרוימנדיקן בענקעניש, נאָך אייך — לידער!

איצט, פאַרוואָס זענט איר מיר געוואָרן ווי שוואַרצע איבערבלײַבענישן אויף אייגענע חורבות. ווי צייכנס

אויף רוינען פון מיין פאַרשווינדן לעבן, ווי פאַרבראָכענע טרערן אויף האַלב-פאַרשאָטענע קברים, פאַרלאָזענע.

אָ, איר צעשוימטע, שוואַרץ-צעפלאַטערטע וויזיעס מיינע! —

זאָגט, ווו זענען פאַרשווינדן יענע טעג, אין וועלכע איך האָב גערויכערט אויסגייענדיק ווי אַ פאַרלאָשן שבת-קודש-ליכט פאַרן אָנהויב-נאָך פון קידוש-מאַכן?

ווו זענען די נעכט, אין וועלכע איך האָב געגוססט ווי פלעמל-שיין פון מיין אויסגייענדיקן נאַכט-לאָמפ פאַרן אויסגאַנג פון באַגינען?

זאָגט, וויפיל נעכט האָבן מיינע טריט אָפגעקלאַפּט לער און שרעקיק אויף די טראָטואַרן פון ליידיקע גאַסן, ווי אויף אַן אַלטן בית-עלמין. פענצטער פאַרהאַנגען, טירן פאַרשלאָסן: זאָגט, צי דערפאַר טאָמע, ווייל ג-ט האָט געשטראָפט מיך מיט אַ זינגנדיק האַרץ?

— האָב איך מיר פון פאַלשע דעם קאָלנער אויפגעשטעלט, און ווי אַ הפקר-הינט אויף ווענן צעפלאָנ-טערט. ווי אַ נאַכט-וואַנדלער געוואָגלט איינזאַם איבער פעלדער און געוועזן בלויז מיט ג-ט!

האָט די נאַכט מיר אירע סודות אַנטפּלעקט. האָט די ווייטע-ווייטקייט פאַר מיר אירע פאַרבאָרגעניש

נישט אויסבאַהאַלטן. און דערזען האָב איך פּלוצים מיין צער. — צער פון צעהייטיקטער וועלט. און אָנגעטאַפּט האָב איך מיין סוד. — סוד פון נאכט-צעשפּארטן לעבן.

אויפן פאָן פון דער דאָזיקער נאכט האָט א סילועט זיך שוועבערדיק צעשמייכלט. אַ שטערן איז געפאַלן און פארלאָשן. און איך ? —: בין אין יענער נאכט מעוברת געוואָרן מיט איך, לידער מיינע.

— געבוירטן פון ח״י א ו ן נ א כ ט !

# ח

יאָ, איך זע שוין פֿון װײַטן, עס ברענט מײַן מערב, פֿאַרגײט אין פֿלאַמען — װער װײס צי איך װעל נאָך דעריאָגן מײַן בלוטיקן טרוים אײדער סװעט טונקל װערן.

מײַן האַרץ װערט פֿאַרברענט אין אירע אײגענע פֿלאַמען — װער װײס צי איך װעל נאָך באַװײַזן אויסצו־זינגען מײַן לעצט שקיעה־ליד.

און עס װײנט אין מיר דער צער פֿון אַ נישט דערזינגען ליד.

אומזיסט האָב איך געװאַרט. אומזיסט געהאָפֿט, ס׳איז אָנגעקומען אַ שװײַגנדיקער, אין סורות־אײַנגעהילטער בין־השמשות.

בעת מײַן װאַרט האָט זיך צעשטורעמט אַן עקזאַלטירט ליד אויסצוזינגען—איז די זון אין מיטן געשטאָרבן

— װײ מיר !

מײַן גאָרטן האָט אָנגעהויבן װעלקן, װ׳אַ אָפּגעשטאָרבענדיקע פּרינצעסין האָט רײַסט אַראָפּ פֿאַרן טויט פֿון זיך אירע קלײדער און צירונג.

װי טראָפּנס־בלוט האָבן די בוימער פֿון מײַן גאָרטן געװאָרפֿן פֿון זיך זײער לעצט ביסל בלעטער־גאָלד. מײַן נשאר־פֿרילינג, מײַנע אויסגעצערטלטע חלומות און יוגנט־טרוימען, אַלע מײַנע תּשוקות און הײס־באַגערטע פֿאַרלאַנגען, האָבן זיך װי פֿלאַנטערס געװאַלגערט אויף דער האַרבסטיקער ערד און מענטשלעכע פֿיס האָבן אויף זײ געטראָטן.

דאָס האָבן זײ אַזוי געטראָטן אויף די צײַטיקע בלומען פֿון מײַן האַרצן.

סע װעט װער יעצט הערן דאָס ליד װאָס צאַנקט אין גסיסה פֿון מײַן פֿאַרגײענדיקן פֿרילינג? װער װעט ירשנען מײַנע חלומות װאָס שטאַרבן ביסלעכװײַז־אויס אין די שקיעה־פֿלאַמען פֿון אײגענעם האַרצן?

— ג—ט אַלײן װעט באַצאָלן מיר, פֿאַר די נאָגעניש פֿון מײַנע אויסגײענדיקע פֿאַרנאַכטן! פֿאַר די מידע שוין װײטיקן, װאַגלדיקע אומעטן, נישט פֿאַרדינטע צער — ג—ט אַלײן װעט מיר פֿאַר זײ שכר פֿאַרגיטיקן!

אַזוי רופֿט צו מיר אַ קול פֿון הינטערן ברוסט.

דאָס טרײסט מײַן נשמה מיך, גענענט שטיל און קושט — — —

## III

איך שאַף נישט מײַן ליד פֿאַר זאַט־באַלעבאַטישע, שמאַלציק־צעפֿרידענע, מענטשישע לערקײטן װאָס צעגרימאַסן אויף קרום זײער פּנים און עפּאָטן: — ג ר אַ אַ ם!

קל־וחומר, אַז נישט פֿאַר די, װאָס האָבן סך־טראָפּן אין מײַן יונגן לעבנס־בעכער אַרײַנגעטריפֿט. צײַטיקע בלומען פֿון מײַן גאָרטן צעטראָטן, שױן צוזאַמען מיט גראָליבער מילך פֿון מאַמע־ברוסט האָב איך צאָרן און בטול צו זײ אײַנגעזױגן.

זאָלן זײ נאָר נישט מחלל זײַן ציטריקע בלעטער פֿון מײַן בוך, דורך אָנריר פֿון חענט זײערע.

— פֿאַר אײַך, יונגע צעטרױמטע נשמות, לײַכטנדיקע נר־תּמידס. צעװײַט איבער שטעטלעך צעיאָרפֿן — פֿאַר אײַך זינג איך מײַן ליד.

װען אײַך, פֿילנדיקע, צעחלומטע נשמות, זעט איך איצט שפּעטער־נאַכט אין טונקעלן לאָמפּן־שײַן און שנירל אײס מײַנע בלוטן אויף הײסער פּאַפּיר־קרקע.

זאָלן זײַן אַלע לײַדנדיקע אויפֿן קבֿר פֿון אַ יונג־צעבראָכן לעבן, אַ צעטראָטענע־פּאַלמע, אַ צעחורבטע בוימל, אַ פֿאַרלאָשענער חלום, און באַזאַמען מיט מיר דאָרט אַ טרער לאָזן! — —

# טריאָלעטן

# צ י ט ע ר

די נאַכט האָט אין שוואַרצעניש אַ בלאָקייט פאַרלוירן
בלאָנדזשעט זי אויף וועגן אין קאַלטן שטומען –
קום לאָמיר גיין אויפזוכן צווישן פעלד-בלומען;
דעם בלאָען סוד וואָס נאַכט האָט פאַרלוירן
אפשר איז עס אַ וווּנדער-שטראַל. געוואָרן געבוירן:
וואָס וועט פאַרטונקלען דעם אויפגאַנג פון באַגינען
צוליב נאַכטישער פאַרגעסעניש האָט זי עס פאַרלוירן
און עס בלאָנדזשעט אויף וועגן אין קאַלטן שטומען.

יחיאל פיינער

* *
*

נאַר ... סהאָט נאַכט בלויז אַ שטילן ציטער געטאָן
אַרויסגעפּיקט פון אויגן אירע, צוויי שוואַרצע טרערן
דאָס איז דאָך פון הימעל געפאַלן אַ שטערן —
און נאַכט האָט שטיל בלויז אַ צאַפּל געטאָן.
בײַם אויפגיין פון באַגינען וועט אויסקריִיען אַ האָן
זײַן הספד, וואָס קיינער וועט נישט הערן
בלויז איך מיט נאַכט וועלן אַ ציטער טאָן —
סאיז פון הימל געפאַלן מײַן שטערן ...

# אומעט

וו'אַ יאָרצייט-ליכט אין בית-המדרש
וואָס צאַנקט אויפן ברעג פון עמוד —
צאַפּלט מיין לעבן און גייט אויס תמיד
וו'אַ יאָרצייט-ליכט אין בית-המדרש.
און שפּרייט איך איבער גאַסן טרוימעריש
איז מרקד פאַר מיינע אויגן דער אומעט
וו'אַ יאָרצייט-ליכט אין בית-המדרש
וואָס צאַנקט אויף אַ ברעג פון עמוד.

# טרייסט

ווער וועט מיר באַצאָלן פאַר די מינוטן
ווען סעגוססט אין יסורים מיין געמיט
ווען סע'טראַפט אויפן פאַפיר מיין בלוט
ווער וועט מיר באַצאָלן פאַר די מינוטן?
זאָלן זיך כאָטש אויסשנירלען מיינע געפלוטן
אין שורותלאַך, ווי פערלען, צו — אַ ליד
זאָל דאָס כאָטש זיין שכר פאַר די מינוטן
ווען סעגוססט אין יסורים מיין געמיט.

# יאוש

ווי איוב צעקרעציקט אין אַ קריעה-העמד
וועל איך זיצן אויף ערד אין אייגענע פּלאָגן
קיינעם נישט דערציילן, קיינעם נישט אויסזאָגן
נאָר זיצן צעקרעציקט אין אַ קריעה-העמד.
און וועלן פריינט קומען טרייסטן פון דער פרעמד
וועל איך זיי מיט קללות פון מיר אַיועקיאָגן —
כוויל זיצן אַזוי אויף ערד אין אַ קריעה-העמד
הייליקן אין יסורים מיינע אויסגעזוינגענע קלאָגן.

# דע־פּראָפּונדיס

איך שפּיר שוין וואָס סהייסט באַ אונדז אַ דיכטער זיין
און סאיז טאָפּלט דערמיט מיין וויי!
כזע דעם דערנער־וועג אויף וועלכן כ׳גיי
און כשפּיר שוין וואָס סהייסט באַ אונדז אַ דיכטער זיין.
ספּרעסט אויף שרעק פון מיינע אויגן די שיין
וו׳אַ ברודיקער פּאָמעשאַף, חייס־קלאָרן שניי
כשפּיר וואָס סהייסט באַ אונדז אַ דיכטער זיין
און סאיז טאָפּלט דערמיט מיין וויי!

# לידער

# דעמערונג

אין מיינע אויגן וועט צינט אָן צוויי מנורות
ווען ס'שטאַרבט דער טאָג אין בין-השמשות,
ווען סוואַלגערט מיין יתום-קאָפּ, זוכט אַ מוטער-שויס
צווישן פאַרוואַקסענע גראָזן אויפֿן בית-הקברות.

אין מיין האַרץ די ווייטיקן ווער דערוואַכט
ווען עס קומט אָן אין דעמער די נאַכט,
ווען איבער מאַמע-קבר נידערט אַראָפּ באַזאַכט
אַ האַלבער לבנה-טעלער פאַרטראַכט.

יחיאל פיינער

אין מיין פעלד ווער האָט פאַרשניטן די זאַנגען
ווען איבער'ן הימל איז אַ שפּראַ־רעגן געהאַנגען
ווער האָט צעחורבט מיינע קדושה־פאַרלאַנגען?

און מיינע בלאָנקע יוגנט־חלומות ווער האָט געפאַנגען
מיך געוואָרפן צווישן קופּערנע אומעט־שלאַנגען
— ווער האָט פאַרשאָלטן מיינע געזאַנגען?

# ו ו ע ר ?

און גיי איך אויף וועגן איינער אַליין
הער איך מיך רופן באַם נאָמען מיינעם.
קוק איך מיך אום צעחידושט,
אָפּלא: איך זע נישט קיינעם.

און זיץ איך אין מיין שטיבל ביחידות,
טוט עמיץ אָ רוף: — י ח י א ל !
שטיי איך פּוסט און צעטומעלט —
ווייס נישט ווער פּשרייט, וואָס מע וויל.

יחיאל פּײַנער

בּיז אַמאָל פֿאַרנאַכט, סהאָט געגראָט.
מנחה - צייט אַ צעתּפֿלחטער
בּין איך אַרויס הינטערן שטאָט

דערהערט הינטער מיר מיין נאָמען-אויסגעשריי.
עמיץ האָט מיר אין אויער איינגערוימט:
— יחיאל! כּבין סאייביקע ווידערקויל פֿון דיין וויי!

# באָהעם

איך האָב נישט אַ האַרץ ווי אַ צווייטער, אַ דריטער
מיין האַרץ איז מיינער אַ חבר אַ הייס-געליבטער
אנשטאָט קרובים, פריינט, אַ ברודער אַ גוטער —
צאַפּלט מיר אינטערן ברוסט אַ סאָלאָווײ-צוויטער.

איך ליב עס, מיין האַרץ, מיר ליבן זיך אַלע ביידן
און פרעג איך עס אַמאָל: ווי לאַנג אַזוי וועלן מיר ליידן?
ענטפערט מיין האַרץ מיר (עס קאָן אויך ריידן):
— נישט באַשאַפן פאַר אונדז זיינען פריידן —

יחיאל פיינער

נאָר קרעכצן טיפע פון קיינעם נישט דערהערטע
תשיקות אויסגעבענקטע און וויסט צעשטערטע
פאַרפייניקטע טרוימען געלייטערט אין צרות

טראָגן מיר מיט זיך אַ גאַנצן בית־הקברות!
איצט, פאַוואָגלטע נעכט פאַרברענגטע אין וואַך —
עך, ברודערקע! מיר פאַרמאָגן זיי אַ סאַך...

# האַלבנאַכט

און בלייב איך אין מיין חדרל ביי אַ פאַרלאָשענעם לאָמפ באַנאַכט
זע איך: אויפן הימל מיין שטערן ט׳זיך פאַרטראַכט
אַוודאי איבערן וויי פון מיינע אייביקע געזאַנגען
אויפגעוואַכטע, דערשטיקטע, צעשטערטע פאַרלאַנגען,
איבער פערזן וואָס כהאַלט אין איין שרייבן
קאָנען אַ טראָפ אומעט נישט פאַרטרייבן.
גוססט מיין שטערן, פינטלט אָן דו
פאַרלעשט, פאַרשווינט ערגיץ-ווו — — —
באַזאַמען מיט מיין שטערן
פאַלן אַלע מיינע באַגערן
פון ליכטיקן רוים
אין פינצטער-תהום
האַלב - נאַכט
אויסגעלאַכט.

יחיאל פיינער

# ייִנגמחנה

איך בין דער ערשטער וואָס האָב די פֿאַרשטויבטע קלאַווישן
פֿון אונדזערע צאַפּלדיקע ווייטאָקן אָנגערירט
דאָס רויע געזאַנג פֿון אונדזער מחנה
וואָס געלעגן ביז היינט פֿאַרווירט
האָב׳ך דער ערשטער אויפֿגעוועקט
פֿון צעקאָרטשעטן דרימלען
און מיט אויפֿגעריסענע וווּנדן
עס אויפֿגעהויבן צו הימלען.
כ׳בין דער ערשטער אַרויס
אין פֿאַרנטיקע רייען
נישט בּאַקלאָגן בלויז
נאָר צעשפּאָטן ווייען
מיט הילכיק-קלאַנג
פֿון געזאַנג.

צווייאונצוואַנציק

# שפּיגלווען

נעכטן האָב איך אַ שווערן חלום געהאַט
אָ! פּאַרע חלום איך האָב נעכטן געזען—
אויף מיין בעטל בין איך געלעגן אַטויטער
אין שטוב איז קיינער נישט געווען.

אַ ליכטל צעקאַפּנס האָט שטיל געברענט
געוואָרפן אויף מיין לייכע אַ טויטן-אָפּשיין —
ווער באמת האָט עס אָנגעצינדן דאָרט
האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין

אַז קיינמאָל קיין פריינט נישט געהאַט
כהאָב קרובים באַם לעבן נישט געקענט
תמיד געזעסן אין מיין שטיבל
צווישן פיר פאַריתומטע ווענט.

טאָ ווער טאַקע האָט איצט מיין רעכט געטאָן
אָנגעצינדן פאַר יציאַת-נשמה אַ ליכטל;
צוגעשפאַרט אַ פעדער צו דער נאָז
און געלעגט מיר אויפן בויך אַ געוויכטל?

שאַ! דאָס איז מיין מאַמע געקומען
פון יענער וועלט, די מאַמע עלי׳ השלום.
האָט ווייזט-אויס נישט געוויסט
אַז סאיז בלויז אַ חלום.

ווי אַ הייליקע ריינקייט אין תכריכים געהילט
פאַרשוואָלענע אויגן פון טרערן אויף רויט
איז געשטאַנען איבער מיין בעטל געבויגן די מאַמע
און באַוויינט מיין איינזאַמען טויט...

נעכטן האָב איך אַ שווערן חלום געהאַט
אָ! סאַרע חלום איך האָב נעכטן געזען
אויף מיין בעטל בין איך געלעגן אַ טויטער
אין שטוב איז קיינער נישט געווען.

יחיאל פיינער

# אַ טאָג געשטאָרבן

שטילע, אומעטיקע, אַלדיקע שעהן
באַגלייטן צום קבר אַ טאָג אַ גראָען,
שפּאַנען פּוילע ווי שוין אָן באַגערן —
סווינט דער הימעל, קאַפּט מיט טרערן.

טרויערן אויך מיט פון מיין שטיבל די ווענט
פאַרדעקן זיך מיט שאָטנס פאַרשעמט
הילען זיך איין אין סאַמעט אין שוואַרצן
און קדיש רייסט זיך אַרויס פון האַרצן.

סקומט אָן אַ בלייכע די נאַכט פון חייטן
רייסט זי קריעה שוואַרץ און שטום
שעהן קומען צוריק פון קברות - באַגלייטן
און זעצן זיך שבעה שטיל, אַרום...

צווייאונצוואַנציק

# צוואָה

און אַז סוועט קומען יענע צייט, דער סוף פון מיין לעבן
סוועט אָנקלאַפּן אין מיין טיר די שעה פון טויט
ג–ט וועט פאַרלאַנגן וואָס אַמאָל ר'האָט געגעבן
און צעפאַלן וועט זיך אַ בנין וואָס ער האָט געבויט—

זאָל קיינער נישט פאַרשווערכן די אַקאָרדן פון מיין גסיסה
די לעצטע מעלאָדיען פון מיינע חלומות די זיסע
נישט פאַרטומלען מיט יללות, קלאַנגען די שטילע
נאָר אויסהערן שטיל סגעפלעכט פון מיין לעצטער תפלה:

יחיאל פיינער

„האַר פון וועלט! ג—ט פון וועלט!
„נישט מקיום זאָל ווערן די קללה וואָס כהאָב געשעלט
„יענע בייזע גייסטער וואָס האָבן מיין יוגנט פאַרוועלקט
„ווייל נישט געקענט האָבן זיי פאַרדאַרבן —
דאָס לעצטע ליד פון מיין שטאַרבן — — —

# האָ?

אפשר בין איך נאָר אַ בלויזער חלום, אַ טרוים.
אַראָפּגעפאַלן פון אַ בלאָען שטערן אין פינצטערן תהום?
אפשר אַ שטיק צער פונם גרויסן ים ליידן,
אַ שטיק ווייטאָק טזיך פון ים־צאָרן אָפּגעשיידן?

אפשר אַן אָפּגעריסענער קלאַנג פון אַ ניגון
דורות געבלאָנדזשעט, לסוף געבליבן ליגן —

ווער בין איך?!! — — — —

יחיאל פיינער

# תשוקה

כגיי אויס פין נאָגעניש נאָך אַן אומבאַקאַנט וואָרט
וואָס זאָל מיט פלאַם אויסשפייען
מיין טיפן צער, יוגגט - סוד.
סאיז מיר נמאס שוין געוואָרן ריימען לידער
ווייקס איינס אין צער, צופאָרן נאָך אַ ברודער.
ראַטעווע מיך פון פארגיין — אָ! — ג—ט!
אַנטפלעק דערבאַרמדיקער דאָס גרויסע וואָרט
וואָס זאָל ברענען ווי אַ סנה אין מיין אייגענעם מדבר
ווי אַ פייער אָרומכאַפן מיין קברדיק לעבן
אָרויסלייטערן פון אינטערגאַנג, פון זינקן.

שענק מיר ג־ט! דאָס וואָרט, דאָס גרויסע
אין וועלכן איך זאָל קאָנען מיין צער
ווי אין אַ ים דערטרינקען!

* * *

סאיז מיר נמאס שוין געוואָרן שלייפן לידער
קלאָגן טאָג־טעגליך אויף נאַכטיקע חורבנות –
יעדער ווייטיק־ליד וואָס מיין הארץ טוט אויסטראָגן
איז נאָר אַ בלויזער שאָטן פון דעם
וואָס כהאָב באמת געוואָלט זאָגן.
נישט קא חילוק ווי לאַנג די חבלי־לידה געדויערן
ווערט אַלץ אַ בלאַסער שאָטן געבוירן.
אַזוי גייט מיין יוגנט אָן תיקון פאַרלוירן
אַזוי קאָרטשן זיך מיינע נעכט אין שמאַרצן
– ג־ט! לאָז מיר אַ ניי־וואָרט פון הארצן!

יחיאל פיינער

# א ט אָ ז ו י

איך בין נישט קאָ דיכטער, איך בין נישט קאָ פּאָעט
וואָס שאָט מע רופט מיך, וואָס שאַט מע רעט;
כבין נאָר געבוירן מיט אַ פינצטערן צעבראָכן געמיט
ווען סגלעט מיר אַ ווייטיק, רייסט אַרויס זיך אַ ליד.
איך בין נישט קאָ דיכטער, איך בין נישט קאָ פּאָעט
וואָס שאַט מע רופט מיך, וואָס שאָט מע רעט...

# האַרבסט

ספּאַרשווינדן מיינע טעג בליץ־שנעליק
ווי פֿלעקטער־סלופּן פֿאַרבײַשוועבנדיק
באַם וואַגאָן־פֿענצטער פֿאַרבײַלויפֿנדיק
סדערנענטערט זיך איינציקווייז האַרבסט —
מיין פֿרילינג, מיין פֿרילינג, דו שטאַרבסט!

ספּאַרוועלקן מיינע יאָרן און פֿאַרשוועבן
ווי פֿאַנטאַזיעס צעשטערט פֿון לעבן
ווי פֿון פֿאַרדאַרטע בלעטער די וועבן
פֿאַר נע־ונדן דורך אַ בלאָז פֿון ווינט —
מײַן יוגנט, מיין יוגנט, פֿאַרשווינט!

יחיאל פֿײַנער

סאיז מיר פון שלעסער, פאלאצן
געבויטע אין לופטן
חלומות פאנטאזיעס אָן סוף און שיעור —
נאָר הענגען אַ ווייטיק ג׳בליבן אין לופטן
אין אויג פאַרגליווערט אַ טרער . . .

# א י י ך...

איך יינגע צעטרוימטע נשמות
שענק איך מיין צוויטיקס געמיט
סאיז די איינציקע טרייסט —
אייער טרער נאך מיין ליד.

קומט, לאָמיר זיך געבן די הענט
אַלע פאַרחלומטע וואָס לײדן;
מיר קאָנען זיך, מיר קאָנען זיך
מיר דאַרפן זיך נישט דורכריידן,

יחיאל פיינער

סוויסט יעדער פון זיין צער
שטילער אומעט פון זיין פּיין.
איך פיל מיט אייך אַלטע מיר
ביינאַכט באַם טונקלען לאָמפּן־שיין

ווען כזיך אין מיין שטיבל ביחידות
צווישן איינזאַמע ווענטלעך פיר
ווען כוויטיק אויף אייגענעם צער
און געבוירן ווערט מיין שיר —

שענק איך אייך פאַרחלומטע נשמות
דעם סוד פון מיין צעוויטיקט געמיט
סאיז מיין איינציקע טרייסט –
אייער טרער נאָך מיין שטילינקן ליד!

# ניגון

אָ! — אָ! — אָ! אוי ווײ! זוי ווײ! אוי ווײ!
נישט - גײ! נישט - גײ! נישט - גײ!
— צער און לייד! טראַלאַראַלאַ — ליי
טראַלאַלײ! אויף וועלט אַרויס נישט גײ!

טאַט — טאַ — ראַטאַט! טאַראַראַטאַט!
אַ לעבן! אַ לעבן! אײנער הינגעריק, צווייטער זאַט.
דאַד — דאַראַ — ראַ — דאַד! דאַראַראַדאַד!
אײנער משוגע - וואוילטאָג, צווייטער גע - ונד!

יחיאל פײנער

בעם – בערע – בעם! באָם באָראַבאָם!

נאָכן שפּיל! נאָכן שפּיל! באָם באַראָראַבאָן!

– זעט, באַראַבאַן! עס ציט אַ קאַראַוואַן –

דאָם – דאַראַ – דאַם! דראַדאַראַדאַבאַנד

– צוגעקומען אויפֿן קבֿרות אַ בערגל זאַמד!...

# דיכטער־שאָטן

שוואַרצע, גראָע, אומעטיקע שצהן

און קויטיקע, צעבלאָטיקע וואָלקן-פלאַכטעס, ווי טיף-לויהדיקע, שוואַרץ-אַרונטערגעוואַנטן, פאַרדעקן מיט לאַנגע-צעפּ, צעצויגענע-ווײַדלען, דעם פּראַכט פון אַ אמצע-טבת-נאַכט, דעם גלאַנץ פון אַ הימל אַ בלאָען.

און עס ווײַזט זיך ווי קוויט, נישט אויסגעדרענטע שמאַטעס, פּיטש-נאַסע שטשערקעס—אין דרויסען די קלעפּיקע ווי ווערים ווײַספּליישיקע און פויזנדיקע—בײַנאַכט-לופט.

פינצטער —

שטילער, פוסטער, לײַדיקער פינצטערקייט. גרוילדיקער ווי בית-עלמין שאָטנס, מצבות-פלעקן, מיט הענט ווי הינער-פיס פון „ניט-גוטע" קריכן זיי לונאַטיש, קלעטערן ווי קעץ, ווילד, אויף שטומע אָבל-טרויעריקע ווענטלאַך פון אַ פאַרוואָרפן אײַנזאַמען דיכטער-שטיבל.

טראָם... טראָם... באָנצעט אויס ביז צוועלף, הייזעריק, אַ גרויס־באַקסטעל־סער, אויבנאויפיק מיט שניצעכץ באַקרוינטער, געל־באַשטויבטער, ירושה־זייגער.

הויבט זיך אויף און קריכט געלאַסן אַראָפּ — אַ שאָטן, פון אַ דאַר סקעלעטיש, שטרויִיק אויפלייג־בעטל, דערטאַפּט אין פינצטערקייט דעם בעקן און וועקס נעגל־גאָס טעמפּן די ענגע־שטילקייט.

ראַצט זיך אַ שוועבל־פונק, שלייכט־צו צי! אַ ווינקל און שאַרכנדיק־שטיל צינט זיך אָן אַ לעמפּל־קנויט.

זעט זיך חי פון אַ בלאָען רויכיקן וואָלקן אַרויס, סמשופּעדיק קיילעך־אונטער־הינקנדיק, מיט גרינעם פּאַפּיר באַפּלעקלט־צוגעדעקטן אַרבעטס־טישל, און שלאַנק־פיגורלעך אַ ייִנגער מענטש, זיצט געבויגן איבער לאַנגע, קאַלטע, ווייסינקע פּאַפּיר־בלעטעלעך.

זיין הויכער שטערן, רונד־קופּאָליק, בלייכט־זיך, צוקט, שמאָל־קנייטשנדיק, לויפּט־איין, שיינט־אויף, אינם סאַטאָוון געלבקייט פון לאָמפּן־שיין.

זיינע אויגן, טיפע, אויפגעריסענע, ווי פענצטער פון חורבות — שוועבן אינעווייניק, ווייסע טויבן, בלאָע-חלומות, אין זיי שפיגלט זיך, גלאַנצן פון פאַלנדיקע שטערן פאַרן פאַרלעשן, שמייכלען פון קינדער. ווען, פאַרן גברה ווערן.

אין זיין האַנט: — דריי שפּיצן-פינגער געפּלאָכטענע, האַלט ער אַ שטעקעלע מיט אַ שטאָלענעם צוויבער-שפּיץ, גלאַנצט דאָרט אויף זיין עק אַ טראָפּן שוואַרץ-בלוט, באַשט-פונג-פליסיקייט.

און עס הויבן אָן זיך צוזאַמענצופליען פון ווייטע וועלטן נאַקעטע נשמות, אַנפליגלדיקע גייסטער, שטיקער לעבנס, האַלבע תוהו - ובוהוס, שטיפן זיך און פילן אָן דאָס ענגע דיכטער - שטיבל.

אַלע, אַלע זענען איצטער געקומען נעמען תיקון.

אַט ציען פאַרביי מחנות אויסגעשפרייטע גרין - עלאַסטישע פעלדער, טויאיקע, באַלויכטן מיט בלאָען, רויכיקן לבנה-שיין, אויף וועלכע עס שפרייט אַ בלאַנדזשנדיקע אייביקייט און וואַרט אויף תיקון.

אָט ציען פאַרביי און וויגן זיך לייכטשפּילעוודיקע קלאַנגען, געהיימע, סודותפולע. אַמאָל פאַרוואַנדלען זיי זיך אין גאָלדענע פאַוועס, קרייזלען זיך ווייס אויף זילבערנע לבנה-דעכער, ווידער-אַמאָל אין פאַרכשופטע אַנעמאָנעס, וואָס צעעפענען אין מאַי - נאַכט צעפליטערטע בּאָרדאָ - סאַמעט גלעקעלעך פאַר אַן אָנקומענדיקן צאַרטן לבנה-שטראָל.

שוועבן זיי פאַרביי, די מיסטיש - הייליקע, אַן ממשותדיקע קלאַנגען, און פאָדערן תּיקון.

סשלייכן פאַרביי גראָבע, שלאַבעריקע שטיקער לעבנס, גראָע, וואָכיקע מיט אַראָפּגעהאָנגענע צוימען, שטיקער געוואַנטן בעמלדיקע. פון פייכטע, פאַרלאַזיקטע קעלער-שטיבער, חמרים, חמרים צ ען זיי פאַרביי און טראָגן אין זייער פאַרשמוציקטע מחנה אַ באַהאַלטענע ליכט, אַן אָרון. צווישן זייערע ברודיקע, צעלאַטעטע קליידער, באַהאַלט זיך אויס אַ קערן, וואָס גרונטפעסטיקט די וועלט.

די באַהאַלטענע ליכט וואַרט אויף תּיקון.

סשוועבן פאַרביי שטיקער כאַאָס, אָפּגעריסענע תוהו - ובוהוס, די נאַכט פאַרפלאָנ-

טערט זיך אָן אַ צעזילבערטע האַלב-לבנה, ווייס און טרויריק שמייכלט די לבנה ווי אַ קינד. אויפֿן פּאָן פֿון צעפּליסמערטן שוואַרצעניש ציִען נאָך שאָטנס, ווי שפּילע, לירישע וויבראַציעס מיט נאַקעטע טריט.

פֿאַרלייכט מאַריבֿ דער בין - השמשות ווי אַ גראָע קאָץ. אין זיין דעמער שוואַרצן זיך סילועטן, בלאָנדזשענדיקע געשטאַלטן, אַ וואַקכאַנאַליע פֿון נשמות - ערטלאָות. עקזאַל-טירט אויפֿן הינטערגרונט פֿון נאַכט, קרומען צעשויבערטע שמייכלען אין בעטן תּיקון.

אָט ווערט דאָס חדרל אָנגעפּילט מיט אויסגעטויכטע תּקופֿות, פֿאַרלאָשענע דורות, טעג, יאָרן, חדשים גיבן פּלוצים אַ שפּאַר ווי אויף אַ פֿאַרפּלייצעניש.

שפּרינגענדיקע ווי שנייעלעך שטיפֿערישע, טאַנצנדיקע ווי קאַרליקעס האָפּסנדיקע, סעקונדן, מינוטן, שווימען גיך-גיך, אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ, און פֿאָדערן תּקון.

און שרעקליך ענג ווערט אינעם אָנגעפּילטן חדרל. אַלע רייסן זיך מיט דערשטיקטע קולות, שטיפֿן זיך און ווערן איינציקווייז פֿאַרוואַנדלט אין שוואַרצע שורהלעך, אויף די לאַנגע, קאַלטע, ווייסינקע בלעטעלעך.

* * *

— ברומט ווער שטילערהייט אַ שפּרוך ? — באַשווערט עמיצער מיט לחשדיקע לעפּצן דעם עולם - התוהודיקן צוזאַמענגעלאַף זיי זאָלן זיך באַרויִקן ?

— שאַ ! דאָס סקריפּעט אַזוי דער דיכטער מיט זיין שטאָלענעם צויבער - שפּיץ אויף ווייסינקע, פּאַפּירענע וועלטלעך. אַהין נעמט ער אריין די נשמות - ערטילאות און איז זיי מתלבש אין גופים — — — — — — — — — —

איינציקווייז ווערט זיין פּנים אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ספּאַרלעשט אינם לעמפּל די קנויט, דאַן בלייבט ער אַ מידער אויף זיין שטיל זיצן, ביז סבלאַט אין פענצטער דער אויפגאַנג פון קריאת - שמע — — — — — — — —

חברת דורשי האוניברסיטה
העברית בירושלם. ורשה.

נדבת
המוציא לאור

מספר 30005




לידער

פון

יחיאל פײנער